**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 6.8 מיליאן דאלערדיגע שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אין מאנראו קאונטי**

***'אופען דאָר מישען'ס' 'מילער' געביידע וועט צושטעלן 24 דירות פון קביעות'דיגע שטיצנדע האָוזינג אין ראטשעסטער***

***פראיעקט וועט העלפן געוועזענע היימלאזע יחידים אין די יארן פון 18 ביז 25, ווי אויך די מיט גייסטישע קרענק אדער סובסטאנץ באניץ אומארדענונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגן 'אופען דאָר מישען'ס' 6.8 מיליאן דאלערדיגע דעוועלאפמענט פון דער 'מילער' געביידע אין ראטשעסטער וועט אנטהאלטן 24 דירות פון קביעות'דיגע שטיצנדע האָוזינג פאר געוועזענע היימלאזע מענטשן. פינאנצירט אין דער מערהייט דורכ'ן אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף'ס היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, וועלן די דירות זיין אקופירט דורך יחידים מיט גייסטישע קרענק, די וועלכע מוטשען זיך מיט סובסטאנץ באניץ אומארדענונג און יוגנטליכע אין די יארן פון 18 ביז 25.

"די נייע דירות וועלן צושטעלן נישט בלויז א זיכערן און צוגענגליכן ארט צו וואוינען נאר אויך די שטיצנדע סערוויסעס נייטיג אויף צו בליען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "שטיצנדע האָוזינג ווי דער 'מילער' געביידע אין ראטשעסטער איז א קריטיש-וויכטיגע שטאנדטייל פון מיין אדמייסטראציע'ס אנטשלאסנקייט צו בויען ארייננעמיגע קאמיוניטיס וועלכע העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן א זיכערע, צוגענגליכע ארט אנצורופן א היים, און מיר וועלן ווייטער אינוועסטירן אין שטיצנדע האָוזינג אלס א גרונטליכן טייל פון אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן היימלאזיגקייט לענגאויס דעם סטעיט."

דער פראיעקט איז א הוספה צו גאווערנער האקול'ס גאנץ-סטעיט'יגע פלאן צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן גרונטליכן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע שטובער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 דירות.

דער 'אופען דאָר מישען' האט פולקאם רענאווירט דער פריער-ליידיג-געשטאנענע 'מילער' געביידע אויף וועסט מעין סטריט אויף צו אנטהאלטן 13 סטודיא און 11 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות. אין צוגאב, וועלן אויפ'ן-ארטיגע סערוויסעס צוגעשטעלט ווערן, אריינגערעכנט קעיס מענעדזשמענט, דזשאָב גרייטקייט טרענירונג, פינאנציעלע מענעדזשמענט, געניטשאפט טרענירונג און דזשאָב זוכן הילף.

פינאנצירונג פאר'ן פראיעקט האט אריינגענומען איבער 6.5 מיליאן דאלער פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם, מיט דעם 'אופען דאָר מישען' דעקנדיג די פארבליבענע קאנסטרוקציע הוצאות. פינאנצירונג פאר אפעראציעס ווערט צוגעשטעלט דורך דער עמפייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו דורך דער סטעיט אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע.

דער 'אופען דאָר מישען' פייערט איר 70'סטע יאר סערווירנדיג דער ראטשעסטער קאמיוניטי. די ארגאניזאציע אפערירט דריי אנדערע איינריכטונגען וועלכע טוען אנבאטן עמערדזשענסי אדער טראנזיציאנעלע שוץ-ערטער אין מאנראו קאונטי.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** "די קאמבינאציע פון זיכערע, קביעות'דיגע, צוגענגליכע דירות און אויפ'ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס וועלן שטארק ארויסהעלפן די יוגנטליך-ערוואקסענע, ווי אויך איינוואוינער מיט גייסטישע קרענק אדער א סובסטאנץ באניץ אומארדענונג. די וואונדערבארע נייע דירות לעבן אויף א פריער ליידיגע געביידע, בענעפיטירנדיג נישט בלויז די וועלכע וועלן דארט וואוינען נאר אויך דער גאנצער קאמיוניטי."

**אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמיסיאנער טשינאזא קונינגהעם האט געזאגט,** "צוטריט צו קביעות'דיגע און שטיצנדע האָוזינג איז קריטיש-וויכטיג פאר פילע יחידים און פאמיליעס מיט אדער אפעקטירט דורך סובסטאנץ באניץ אומארדענונגען. די האָוזינג אונטערנעמונג וועט דינען די מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג אין מאנראו קאונטי און עס איז א וויכטיגע טייל פון דעם OASAS ריי אויפפאסונג סערוויסעס."

**סטעיט סענאטאר דזשערעמי קוני האט געזאגט,** "דורכ'ן אדרעסירן קאמפליצירטע נושאים ארום גייסטישע געזונט, סובסטאנץ באניץ, און יוגנטליך-ערוואקסענע וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט, וועט די פינאנצירונג פארזיכערן אז דער 'אופען דאָר מישען' זעצט פאר ווייטער איר ברייט-ארומנעמנדע באדינונגען פאר די פילפארביגע געברויכן פון אונזער קאמיוניטי, אזוי ווי זיי האבן געטון די פארלאפענע זיבן צענדליג-יארן. איך בין דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער האוקול, דער OTDA, און דער אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע פאר'ן אונטערהייבן צוטריטליכע, צוגענגליכע, סביבה-באוואוסטזיניגע האָוזינג אין אונזער ראיאן."

**אסעמבלי-מיטגליד דעמאנד מיעקס האט געזאגט,** "פילע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי האבן נישט קיין צוטריט צו א זיכערער און סטאבילער היים. אן פארלעסליכע האָוזינג, ווערן אנגעשטרענגט קאמיוניטי מיטגלידער און פאמיליעס אפגעזאגט דער געלעגנהייט אויף זיך ארויסצוראטעווען פון דעם רעדל פון ארעמקייט ווי אויך די מעגליכקייט צו בליען. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האוקול, דער אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף, און 'אופען דאָר מישען' פאר'ן ארויסווייזן זייער אנטשלאסנקייט אין צושטעלן צוגענגליכע, יושר'דיגע און סטאבילע האָוזינג צו אונזער מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג. איך האף אז די אינוועסטירונג פארטרעט דער אנהייב פון א שטייגנדע אנטשלאסנקייט צוצושטעלן סטאבילע האָוזינג און ווירקזאמע רעסאָרסן פאר אונזערע היימלאזע שוועסטער און ברודער."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** "האָוזינג איז יסודות'דיג צו פובליק געזונט און זיכערהייט. דער נייער האָוזינג פראיעקט וועט זיין טראנספארמירנד אין איר פארבינדונג מיט געוועזענע היימלאזע מענטשן דורך זיכער מאכן אז זיי האבן די שטיצע און רעסאָרסן נייטיג אויף אויסצוהאלטן א סטאבילע און געזונטע לעבן. א דאנק אייך גאווערנער האוקול און דער 'אופען דאָר מישען' פאר דער וויכטיגער אינוועסטירונג אין אונזערע איינוואוינער און אונזער קאמיוניטי."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק עוואנס האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו דער 'אופען דאָר מישען' פאר'ן פארענדיגן דער 'מילער' געביידע שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אויף מעין סטריט, וואס וועט

העלפן מענטשן מאכן א הצלחה׳דיגע טראנזיציע פון כראנישע היימלאזיגקייט צו קביעות׳דיגע האָוזינג. איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול און דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף און דער אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע פאר׳ן שטיצן דעם פראיעקט און מאכן די אינוועסטירונג אין ראטשעסטער. צושטעלן אונזערע איינוואוינער מיט זיכערע, הויכע-קוואליטעט און צוגענגליכע האָוזינג וואס וועט פאראויס-ציען אונזערע באמיאונגען צו שאפן א האפענונג-אנגעפילטער שטאט מיט א באגייסטערנדע צוקונפט.״

**׳אופען דאָר מישען׳ CEO אנא וואלעריע איסעמאן האט געזאגט,** ״דאס פארענדיגן דעם פראיעקט צייכנט אפ א באגייסטערנדע קאפיטל ביי ׳אופען דאָר מישען׳ און עס קומט אין א קריטיש-וויכטיגע צייט, ווען דער נויט פאר צוגענגליכע האָוזינג איז ביי דער העכסטער מאס. דאס עפענען די האָוזינג יוניטס וועט אוועקשטעלן א שטארקע וועג צו ערהוילונג, פינאנציעלע זעלבסטשטענדיגקייט און לאנג-אנהאלטנדע אויפריכטונג פאר די מענטשן וועמען מיר סערווירן.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418